# שטיל, די נאַכט איז אויסגעשטערנט

## Shtil, di Nakht Iz Oysgeshternt




שטיל, די נאַכט איז אויסגעשטערנט,
און דער פֿראָסט האָט שטאַרק געברענט;
צי געדענקסטו ווי איך האָב דיך געלערנט
האַלטן אַ שפּײַער אין די האַנט?

אַ מויד אַ פּעלצל און אַ בערעט
און האַלט אין האַנט פֿעסט אַ נאַגאַן
אַ מויד מיט אַ סאַמעטענעם פּנים
היט אָפּ דעם שׂונאס קאַראַוואַן

געצילט, געשאָסן און געטראָפֿן
האָט איר קלײנינקע פּיסטויל
אַן אויטאָ אַ פֿולינקן מיט וואָפֿן
פֿאַרהאַלטן האָט זי מיט איין קויל

פֿאַרטאָג פֿון וואַלד אַרויסגעקראָכן
מיט שנייגירלאַנדן אויף די האָר
געמוטיגט פֿון קלײנינקן נצחון
פֿאַר אונדזער נײַעם פֿרײַען דור.